ישראל שטערן

# פונם ציקל: „מאמעס“

## דער שענסטער פלי פון א מחנה טויבן

דער געמאכטענער פלי פון א מחנה טויבן
איז נישט אזוי הארמאניש און שיין,
איז נישט אזוי נאָענט צום אויבן
ווי דער בליק פון מאַמעס, ווען זיי זיצן אליין

און קוקן דורכן פענסטער אין דער נאסטיפער ווייט
און הערכן איבער זיך א גערויש ווי פון פליגל
און דערקענען די שטימען: איינס לאכט און איינס שרייבט
און איינס וויל דווקא ארויספאלן פון ווינל.

אזוי ווייך דער דרויסן. און זיי קאָנען נישט פארשטיין
ווי זייער הויזגעזינד איז זיך פאנאנדערגעפלויגן;
און כאָטש זיי זיצן אין דער נאכט ביים פענסטער אליין
ווייגן און לאכן די קינדער ביי זיי אין די אויגן.

און זיי ווייסן: גאָט און נעבעך איז כביכול און טרויס,
ער איז די שיף אויף די וואָלקנס און דער דאָס
אין די גראָז,
און די וואָס זענען פון זייערע לענדן ארויס
זענען אויך זייערע און ער וועט נישט פארלאָזן.

און די אלטע הערצער איז א גאָרטן פון גלויבן,
אז זייערע טעכטער און זין וואקסן גרינע אין גליק.
און דער שענסטער פלי פון א מחנה טויבן
איז נישט אזוי הארמאניש ווי זייער בליק.

## .II

# א יונגע מאמע זינגט

טיף אונטערן וויגעלע
ביי חיימס צופיסן —
שטייט א גאָלדן ציגעלע,
פונוואנען זאָלן מענטשן וויסן?

און אז מען ווייסט נישט איז דאָך גוט,
וועט מען נישט פאַרן האָרלען,
דאָס באַהאַלטנסטע איז בלוט
און טייערער פון מאַרלען.

אונטער חיימלס וויגעלע
שטייט א גאָלדן קריגעלע,
קיינער ווייסט גאָרנישט דערפון
אז איך האָב א רייכן זון.

און אז מען ווייסט נישט איז דאָך גוט
יעדער אוצר איז מחיים.
ווען אין הימל צעבליט זיך דער סוד פון בלוט
וויל די אָפענע זון שוין אונטערגיין.

.III

## צווייטע מאַמע זינגט

אוי. שנער. איז שפעט. און אַלע שלאָפן.
אַ סאָ:ויכטיגער פענסטער לויפט נאָך דעם ווינט
דער, וואָס האָט זי געליכט, איז אַנטלאָפן
ווי באַלויכטעטער פענסטער לויפט נאָך דעם ווינט.

ער איז היים געוען, און זיינע נעכט
האָבן זי שוואַרץ געמאַכט ווי קויל.
ווער איז שולדיג און ווער איז גערעכט?
אַמשטענסטן איז איר געכטערלס מויל.

דאָס צימער דריקט אויף איר ווי שטאָל.
זיין בילד קליגט דאָ צווישן די ווענט.
זייער חתונה האָט געהאַט אַן אָרימען באַל,
אָבער די נאַכט האָט געהאַט ווייך־בלאָע הענט.

ט' שטעכיס רעטריס רום לשבן בשרינם.
שמעם איז. שווער איז. און עלנט שרעקם.

א באלויכטן פענסטער לויפט נאך רעם וויגט
פאר איר שטבטשל השלט ס'שיינעלע אמן.

## גריטע מאַמע, זינגט

דאָס רייכע יאָר איז נאָך ווייט,
און מיין זון איז איצט אַזוי קליין,
ער ליגט נאָך דערווייל און שרייט
און האָט נאָך נישט קיין ציין.

ווייט איז דאָס רייכע יאָר,
און דורך אַלע טויערן
קריכן אַרום פאַר הונגער די האָר.
און די שכנים טרויערן.

דאָס רייכע יאָר איז נאָך ווייט,
נאָך איז ערד נישט מיט זומער באַפאַרבט,
ווינטערדיק לאַנג שלאָפט די צייט
און זעט אַ חלום: זי שטאַרבט.

און זעט פעלדער מיט קאָרן מיט רייכן
נאָר זי באַקומט נישט קיין ביס;
און זעט ווייטע געשפּיגלטע טייכן,
נאָר זי פאַלט פון דאָרשט אין די פיס.

איז דאָס אַ חלום אַ בייזער,
און מיין קינד איז איצט אַזוי קליין.
ווער זאָל זיין דער דערלייזער?
מיין קינד האָט נאָכנישט קיין ציין:

ווייט הענגט די סקריין פון דעם טאָג,
ווען זיין טאַט ווערט זיין בענטשונג דער [illegible]
און די וועלט איז אַ שטיינערנער בלאָק
וואָס קרײַזלט זיך ביי ברעגעס פון ימען, —

איר געדעכטיקייט איז: דורכ'ן שפּור
וואָס ווערט אין וואַסער פאַרלוירן,
און ווי זוימען אין שוים פון אַ האָר
וועט איר גאולה גאָרנישט געבוירן.

וועלט קאָרטשעט זיך אין יולדות־ווי,
נאָר די קינדפּעטאָרין ווערט נישט דערפרייען.
די טעג פאַלן גראָ ווי שפּיי
און באַגראָבן דעם מענטש אונטער שפּייען.

דער ווינטער צים אויס זיך אלץ מער,
און אלץ שווערער קאַטשקאַרנער דער שלאָף.
די קעלט שניידט זיך נענטער אַהער,
לאַמיך באַהיט און באַשיצט זיין פון שטראָף.

מיין קינדס אויגן! צוויי אויגן!
און ער שמעקט ווי עפּל אין סאָד.
ער האָט נאָך קנאַפּ פון דער ערד געזויגן,
פון שטראָף באַשירעם מיך, גאָט!

איך וועל פעסט די פענסטער פאַרקלעבן,
זאָל אין מיין שטוב נישט אַריין. קיין פאַרקילטונג;
מיין קינד דאַרף וואַרימקייט, לעבן.
איך וועל זיין די מוטער פון פרילינג.

מיין זונס דריבנע גלידער,
ווי קליינע פויגל זינגען זיי,
זייערע ציין רייסן זיך ווי לידער,
ווען דיכטער-האַרץ לויפט דורך זיי.

ווי דער פרידן אין אַ ווינטער-פאַרנאַכט,
גאָלדיקס שטיל זיך זיין האָר.
גאַנס האַנט איז שוין אויפגעוואַכט,
כאָטש ווייט איז צום רייכן יאָר.

כאָטש דער הימל קוקט טונקל און שלעכט,
כאָטש מענטשן זענען שטיקער געוויין,
אָבער איך הער שוין דורך שטילקייט פון נעכט
איך הער מיין קינד וואַקסן די ציין.

ער וועט גרויס זיין און שטאַרק זיין און קלוג זיין,
און ווי אַ זון-בלום אויפגיין מיט פרייד,
די זונען פון זיין אויג וועלן מעגן זיין
צו פאַרוואַרפן אַ ליכטיקע קייט

אותם די, וואָס שוויצן און ליידן דערפאַר,
אַרער פאַרשעלטן דעם טאָג פון געבוירן,
אַרער וואַרפן, ווי מיסט, זיך פון שטאָקן
אַרער האָבן אין בלעטער-שפּיל פאַרלוירן

די טרים פון דעם אייביקן וואַנדערער: —
האָט בלום, וואָס נייט שטאַלץ אינם לייב,
און ווי לעסן די שאַיז, וואָס פון אַנדערער
שטעכט אין אי, זייער קינד, זייער ווייב.

מײַן זינגער װאָס שטאַרבט זײַן אַז פֿלוג װײַן און ברױט,
דער שפּאַסמאַכער שטערן איז געפֿאַלן אױף מײַן טױט,
כ'האָב ניין חדשים געשריבן אַ בריװ,
איצט שיק איך אים אין דער װעלט אַרױס.

זאָלן אים לייענען אַלע װאָס פֿילן
טרערן אױף זײער געזיכט.
װאָס ניט מײַן זאַך דאָס הײלן
פֿון אַ ריכטער בײַם לעצטן געריכט.

פֿונעם ציקל: „מאַמעס“

I. דער שענסטער פֿלי פֿון אַ מחנה טויבן

II. אַ יונגע מאַמע זינגט

III. צווייטע מאַמע זינגט

IV. דריטע מאַמע זינגט

פֿאָרויס (וואַרשע, 1937–1939)

2, נומ׳ 14 (16), יולי 8, 1938, ז׳ 2